13/6096
MICROFORM

## ס. מארשאק

# די פּאָטשט

פון רוסיש—ל. קוויטקאָ




צייכענונגען—מ. קאָטליארעווסקי

קינדער־פארלאג 1934 ל.

PRINTED in U.S.S.R.
ענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו
6096

ווער קלאפט זיכ עס צו מיר אינ טיר,
מיט א פולנ טאש פאפיר,
מיט א 5 אפ מעשנ־בלעטל,
מיט א פאָרמענ־בלאָוו קאשקעטל?
קוקט אימ אָנ,
קוקט אימ אָנ,
לענינגראדער פאָסטשטאליאָנ!

אפ דער זייט
די טאש א פולע,
בריוו אסאכ
אינ טאש איז דאָ.
פונ טיפליס, טאמבאָוו
אונ טולע,
פונ כערסאָנ,
אונ פונ באקו.

זיבנ הויבט ער אָנ זיינ ארבעט,
ווערט זיינ טאש אלצ דינער, דארער,
אונ ווענ זייגער צוועלעפ צייכט,—
אלצ לויט אדרעסנ צעטיילט.



01-B9238



א בריוו אנ עקסטרע פונ ראָסטאָוו,
פארנ כאווער ב. זשיטקאָוו.
— פאר זשיטקאָוונ, וואָס, אוועלכער,
שוינ ניטאָ בא צונדז אזעלכער.
— ווינ־זשע איז ער דענ אהינ?
— אָפגעפלויגנ קיינ בערלינ.





זשיטקאָוו פליט קיינ אויסלאנד
אינ יאַגעניש גרויסנ,
די ערד דאָרט פונ אונטנ איז גרינ.
אונ גלייכ נאָכ אימ יאָגט זיכ,
אינ פאָטשט־וואגאָנ טראָגט זיכ
די בריוו יענע עקסטרע צו אימ.
פאקעטנ אפ פאָרקעס
צעשטעלט מיט א טאָלק איז,
אינ וועג ווערט די אָרדנונג געמאכט
אונ צוויי פאָטשטאליאָנענ
אפ בענק פונ וואגאָנ דעמ
מע וויגט זיכ אריבער די נאכט.
א בריוו קיינ דובראָווקע,
פאקעט קיינ פאָקראָווקע,
א קארטל אפ סטאנציע קלינ,
א צייטונג קיינ דעלטע,
אונ אָט א באשטעלטע,—
קיינ אויסלאנד ועט גיינ, קיינ בערלינ.



אָט איז בערלינער פאָטשטאליאָנ
מיט פאָטשט מיטלעצטער קומט ער אָנ

קנעפ אפ רעקל אינ א ריי,
ווי עלעקטרע ברענענ זיי,
די הויזנ גלאט געפרעסטע,
ווי נאָכ געזעצנ פעסטע.

קומט צומ טיר דער פאָטשטאליאָנ,
צומ שווייצאר א בויג זיכ אָנ
מיט קאשקעט דעמ בלאָוונ:
— א בריוו צו הער זשיטקאָוונ.
זשיטקאָוו איז נעכטנ, ווי סע ווייזט,
שוינ קיינ ענגלאנד אָפגערייזט.






א בריוו
וועט אליינ
אינערגעצ ניט גיינ,
נאָר ווארפ זי אינ קאסטנ
אָטהער,—
איז ווערט זי ניט מיד,
זי לויפט אונ זי פליט,
זי פאָרט אונ זי שווימט
טויזנטער ווערסטנ אונ מער.

זי קענ זיכ, די בריוו,
באקוקנ די וועלט,
א רייזע זי מאכט
פאר קאָפּיקעס־געלט,
פאָרט אינ דער וועלט
דורכ טויער אונ טיר,—
פאָרט א פארקלעפּטער
פּאסאזשיר.

ניט ער בעט,
ניט ער טרינקט,
ניט ער עסט,
איינס נאָר ער רעדט
אונ ווערט ניט מיד:

אנ עקסטרע. ענגלאנד. לאָנדאָנ.
וועסט. 14, באָבקינ־סטריט.




אווטאָבוס נאָכ אווטאָבוס
לויפט אונ טרעסלט,
ווארפט אונ בלאָזט,
אפ די דעכער גלאטע
וויגנ זיכ פלאקאטנ.
קאָנדוקטער אפנ טרעפל טריט:
— סאָפ מארשרוט! באָבקינ־סטריט!

אפ באָבקינ־סטריט,
אפ באָבקינ־סטריט,
שפאנט אפגיכ דער מיסטער סמיט
אינ בלויענ פאָטשט־קאשקעטל, —

אליינ איז ווי א ברעטל.
ער קומט צום הויפ
אונ קלאפט אינ טיר
מיט העמערל, וואָס הענגט אפ איר.
אונ זאָגט מיטנ קאָל באסאָוונ:
— פאר מיסטער ב. זשיטקאָוונ.

קוקט שווייצאר פונ אונטער בריל
אפ נאָמענ אונ פאמיליע
— באָריס זשיטקאָוו, —
ער ענטפערט שטיל —
אוועק איז קיינ בראזיליע.

די שיפ
גייט אָפ
נאָכ צוויי מינוטנ,
טשעמאָדאנעס לייגט מענ אָפ
אינ אלע קאיוטנ.

איינ קאיוט איז נאָכ פאראנענ,
ווו ניטאָ קיינ טשעמאָדאנענ,
ווייל אהינ קומט אָנ
פאָטשט אונ פאָטשטאליאָנ.



אינ הייסנ לאנד בראזיליע
זייג הייסנ טאָג הויבט אָנ
דער שווארצער דאָנ באזיליע,
בראזיליער פאָטשטאליאָנ.

ער טראָגט א בריוו א זעלטענע,
צעקנייטשטע אונ פארקלעקט,
מיט אויסלענדישע שטעמפעלעכ
די מארקעס פיל באדעקט.

אנ אופשריפט באמ פאמיליע,
אז ער, דער אדרעסאט,
אוועק איז פונ בראזיליע
צוריק קיינ לענינגראד.



ווער קלאפּט זיכ עס צו מיר אינ טיר,
מיט א פולנ טאש פּאפיר,
מיט א 5 אפּ מעשנ־בלעטל,
מיט א פאָרמענ־בלאָוו קאשקעטל?
קוקט אימ אָנ,
קוקט אימ אָנ,
לענינגראדער פּאָטשטאליאָנ!

ווידער מיט קאָנווערט מיט בלאָווג
א בריוו אנ עקסטרע פאר זשיטקאָווג.
— פאר זשיטקאָווג?
— ע׳, באָריס,
אָט צו דיר א בריוול איז!



איז מיינ שאָכנ באלד ארויס:
— הערט א וווּנדער, הערט נאָר אויס!
ס׳איז די בריוו נאָכ מיר אהער
אויסגעוועגנ די גאנצע ערד.
מיטנ יאמ נאָכ מיר געלאָפנ,
מיכ אינערגעצ ניט געטראָפנ —
זיכ געיאָגט נאָכ מיר די בריוו,
מיטנ צוג אונ מיטנ שיפ.

איבער בערג אונ טאָל אונ יאמענ
אונ דערקלויבנ זיכ צו מיר.
מידע, גוטע פּאָטשטאליאָנענ,
נאָר צומ גוטנ אייכ דערמאָנענ,
לויב אונ רומ די פּאָטשטאליאָנענ
מיט שווערנ טאש פאפּיר!



פּרייז 50 קאָפּ.




טעכנאָפירער—יא. אַלמאַנ רעדאַקטער—אַ. גריגוזער
אָרגענגליט נומ. 645. היפּטליט נומ. 1380. באַשט. נומ. 804. טיראַזש 2000, 2/3 דרוקבויגן, פאָרמאַט 110×72
אָרדנטלעכער פאַרלאַג־נומער 73. אָפּגעגעבן צום דרוק 8 יונ. דערלויבט צום דרוקן 6 אוגוסט 1934 י.
דרוקעריי א״ב לעגיג, אָדעס, פּושקין־גאַס 18.